# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn


### Title
Gvald, Yidn, Zayt Zikh Nit Meyaesh (Come On, My Fellows, Don’t Be Disappointed)


### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/6mn2903b

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)



### Author
Leyvik (Leivick), H.



### Publication Date
1979



### Copyright Information
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

מיט אונדזער מאַרך די רעדער פון פּראַגרעס פאַר אַנדערע. און ווען מען האָט אָנגעהויבן בויען ארץ ישראל האָט מען אין יענע ווייטע יאָרן אפילו די העזה ני טגעהאַט דאָס וואָרט „מדינת ישראל" אַרויסצוזאָגן. „בטלנים אידעאַליסטן" איז מען געווען און „חכמים" האָבן געחוזקט. און ווען נאָך אַלע צרות און נאָכן אויסגעהאַרגעטן פאָלק איז דאָס וואָרט מדינת ישראל אָפּן און דרייסט דערקלערט געוואָרן, האָט מען קוים אין צרות אין יענער צייט פאַרמאָגט אָפּגעציטערטע באַהאַלטענע האַרמאַטן צו קענען פאַרטיידיקן דאָס לעבן.

מ'קען ניט זאָגן אַז מיר זיינען שוין אין גאַנצן אויס אָביעקטן פון דער געשיכטע, אַז מיר אַליין זיינען שוין די מייסטערס פון אונדזער גורל. דאָך ניט מיט האַרמאַטן אַליין האָט מען דעם נצחון פון מדינת ישראל דערגרייכט, נאָר מיטן כוח פון יידישן מענטש, מיט זיין אידעאַליזם און געטריישאַפט, אין קאַמף פאַרן קיום.

האָפן מיר און גלייבן אַז דער איצטיקער שלום־אָפּמאַך וועט רעאַליזירט ווערן געטריי פון אַלע צדדים. און זאָל זיין ש ל ו ם ע ל י ש ר א ל !

ז. ש.

ה. לייוויק

# גוואַלד, יידן, זייט זיך ניט מייאש*)

גוואַלד, יידן, זייט זיך ניט מייאש —
אַזוי האָבן גערופן די וואַרשעווער יידן
אין זייער ביטדאָיקן אויפשטאַנד.
זיי האָבן גערופן,
זיי האָבן די ווערטער געשריבן,
זיי האָבן די אויפשריפט צעהאַנגען
אין הייזער, אין הויפן,
אין בתי־מדרשים —
צו די צען געבאָט אַן עלפטן געבאָט:
גוואַלד, יידן, זייט זיך ניט מייאש.

וואָס באַטייט דאָ דאָס וואָרט גוואַלד?
דאָס וואָרט גוואַלד באַטייט דאָ: אייביק.
ניט איין מאָל אייביק,
נאָר זיבן מאָל זיבן אייביק.

זיי האָבן אויך ביקסן געהאַט —
די וואַרשעווער יידן,
אויך קוילן, גראַנאַטן געהאַט —
די וואַרשעווער יידן.
זיי האָבן געשאָסן,
זיי האָבן געטראָפן —
די וואַרשעווער יידן;
און זאָל זיין געבענטש
יעדע יידישע קויל

וואָס האָט דורכגעלעכערט
דאָס האַרץ פון אַ נאַצי.
נאָר טאָפּל געבענטשט זאָל זיין
די אויפשריפט פון 6 קליינע ווערטער—
צו די צען געבאָט אַן עלפטער געבאָט:
גוואַלד, יידן, זייט זיך ניט מייאש.

די ביקסן האָבן קוילן געהאַט
און די קוילן זיינען אויסגעגאַנגען,
ווי, אויסגעגאַנגען.
דער נאַצי, דער דייטש, האָט מער געהאַט—
ווי, מערער געהאַט:
באָמבעס געהאַט,
קאַנאָנען געהאַט,
עראָפּלאַנען געהאַט.

אַלץ האָט דער דייטש שטום געמאַכט,
נאָר ניט די זעקס קליינע ווערטער—
צו די צען געבאָט דעם עלפטן געבאָט:
גוואַלד, יידן, זייט זיך ניט מייאש.

וואָס באַטייט דאָ דאָס וואָרט גוואַלד?
דאָס וואָרט גוואַלד באַטייט דאָ: אייביק.
ניט איין מאָל אייביק
נאָר זיבן מאָל זיבן אייביק.

*) איבערגעדרוקט צום 36טן יום הזכרון פון אונדזערע אומגעקומענע 6 מיליאָן קדושים.